ספר

# דרשת שלמה

קונטרס בענייני כשרות המאכלים ובו הרבה ידיעות מהמתרחש בעולם הכשרות וגם אזהרות והוראות איך לעמור על המשמר כדי לשמר את עצמו ובני ביתו מליפול ברשת ובפח יוקשים של מאכלות אסורות וגם מהמצב הכשרות של ישיבות כדי להבטיח שהמוסרות התורה איפה שאנו שולחים את בנינו ללמוד תורה, אם עומרים על המשמר שהבנים לא יטמטמו ויכנסו רברי תורה במיעיהם, והם מהרברים שנאמרו ונרברו באסיפת עם שנתארגנה ע״י וער הכשרות של התאחרות הקהלות בחול המוער פסח שנת אל תשלו לפ״ק

# דרשה בעניני כשרות המאכלים שאמרתי באסיפת עם לחיזוק הכשרות בבית יעקב דבורו פארק שנת תשל"ו לפ"ק (עם קצת הוספות)

אין די פרשיות פון תפילין וואס מיר זאגען יעדען טאג שטייט ויאמר משה אל העם זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים מבית עבדים כי בחזק יד הוציא ה' אתכם מזה ולא יאכל חמץ, משה רבינו ע"ה שטייענדיג אין טאג פון יציאת מצרים זאגט צום אידישען פאלק געדענק דעם היינטיגען טאג פון יציאת מצרים אז מיט אַ שטארקע האנד האט ג-ט אייך פון דא ארויסגענומען. און עס זאל נישט געגעסען ווערען קיין חמץ.

דארף מען דאך פארשטיין. וואס פאר א שייכות האט "זכרון יציאת מצרים ביד חזקה" צו איסור חמץ? אין סוף פרשה שטייט דאך מצות יאכל את שבעת הימים, ולא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור. איז איידער ער זאגט מצות יאכל האט געדארפט שטיין לא יאכל חמץ ווי עס שטייט און פרשת ראה לא תאכל עליו חמץ שבעת ימים תאכל עליו מצות וגו', ולא יראה לך שאר וגו', ווידער איז שווער וואס איז דער ל' ולא יאכל חמץ עס זאל נישט געגעסען ווערען חמץ, פארוואס זאגט ער נישט ווי אין פרשת ראה לא תאכל חמץ. אויך איז באוווסט וואס שטייט אין ספרים, אז חמץ איז מרמז קעגען יצה"ר אזוי שטייט אין זוהר הק'. פרשת תצוה ע"ש איז דאך שווער אויב אזוי פארוואס מעג מען עסען חמץ א גאנץ יאהר. אויך איז באוווסט וואס דער אר"י הק' זאגט אז "הנזהר ממשהו חמץ נזהר מחטא כל השנה", איז לכאורא ווי מיר זעהן איז יעדער טיט ווי ווייט מעגליך פאר פסח מבער צו זיין דעם חמץ. און איז נזהר ווי מעגליך פון משהו חמץ, דאך ווען עס קימט נאך פסח גייט אלס צוריק צום אלטען דער ערליכער איז ווייטער נזהר ומדקדק בקלה כבחמורה און דער קל קלייבט קל?

נאר דער ענין איז אזוי, אין נוסח פון לשם יחוד וואס מען זאגט פאר תפלין לייגען שטייט אזוי, "וצוונו להניח על היד לזכרון זרוע הנטוי' ושהיא נגד הלב לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבינו לעבודתו יתברך שמו" דאס הייסט, אז דער תכלית פון זכרון יציאת מצרים בזרוע נטוי'

איז לשעבד תאוות ומחשבות לבינו לעבדתו יתברך, דאס מיינט אז אויך ביי די גופניתדיגע זאכען ווי עסען און טרינקען אד"ג זאל מען נישט עסען ווי א בהמה. ווען עס גלוסט און וואס עס גלוסט ווייל עס איז געשמאק פאר דעם צונג, ניין, לא באלה חלק יעקב, דאס עסען פון א איד דארף זיין מיט א חשבון, און זיך בארעכענען אז דער תכלית האכילה איז אז מיט דעם כח וואס דער קערפער באקימט פון עסען, דער כח דארף גענוצט ווערען צו דינען דעם אייבערשטען, דעריבער דארף מען פאר מען נעמט עפעס און מויל, זיין פון די "יראי ה' וחושבי שמו" טראכטען און מורא האבען אריינעמען א מאכל אין מויל איידער מען איז איבערצייגט אז עס איז הונדערט פראצענט כשר, און אז עס איז אויסגעפאלגט געווארען אלע אזהרות פון די תורה, און דאַן וועט דאס דינען דעם צוועק לעבודתו ית"ש. אנדערש וועט דאס נישט נאר נישט דינען דעם צוועק, נאר וועט מטמטם זיין און גאר שטערען אין עבדות ה', און דאס האט מרע"ה מזהיר געווען באלד ביי יציאת מצרים צו געדענקען דעם טאג און נישט עסען חמץ, וואס איז געווען די ערשטע אזהרה באלד נאך יציאת מצרים ווען מיר האבען באקומען אונדזער אייביגע פרייהייט ווי מיר זאגען "ויוצא" את עמו ישרא' מתוכם לחרות עולם" און ווי עס שטייט אין ספרים איז דאס געווען א חרות הגוף והנפש, אז דער רבש"ע האט ארויס געהויבען אידישע נשמות פון גייסטיגע פארזונקונג און די בהמה'שע תאוות, צו גייסטיגע דערהויבונג, צו מדרגת מלאכים און אויף דעם איז געקומען די אזהרה פון אכילת חמץ נישט צו עסען קיין ברויט, וואס הגם דאס איז דער עיקר עסען פון מענטש, האט מען געהייסען דאס אוועקלייגען, און עסען די עוגות מצות וואס חז"ל זאגען אויף דעם, עוגות שהוציאו ישראל ממצרים טעמו טעם מן, וואס מן ווערט אנגערופען "לחם אבירים" ברויט וואס מלאכים עסען, צו ווייזען אז, "לא על הלחם לבדו יחי' האדם" אז דער חיות פון א איד איז נישט א חומריות'דיגע ווי דאס פון די בעלי חי און או"ה, גלאט געגעסען נאר על כל מוצא פי ה' יחי' האדם דער חיות פון א איד איז על כל מוצא פי ה', אויב ער פאלגט אויס די אלע אזהרות אכילה פון די תורה, און ווען דאס חיות איז פון אזא אכילה, דאן איז ויילך בכח האכילה ההיא ארבעים יום (מלכים א' יט), קען

מען דעם כח אכילה נוצען אויף קונה צו זיין תורה וואס איז ניתנה למ' יום, וואס דאס איז געווען דער תכלית פון יציאת מצרים ווי עס שטייט "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה", איז דערפאר פארשטענדיג פארוואס דער איסור אכילת חמץ איז געזאגט געווארען באלד ביי יציאת מצרים. און אויך דער ל' ולא יאכל חמץ עס זאל נישט געגעסען ווערען. ווי אויך די קשי' אז חמץ איז קעגען יצה"ר פארוואס מעג מען עס עסען א גאנץ יאהר? נוד אויב אין פארלויף פון יאהר גערענקט מען דעם תכלית פון יציאת מצרים (צו דינען דעם אויבערשטען) און אפי' ביי די טאג טעגלעכע מענטשלעכע זאכען, ווי עסען און טרינקען מוז עס פידען צו דעם ציל, און ממילא איז דער ערשטער תנאי עס זאל זיין הונדערט פראצענט כשר און דאן ווען דער מענטש טוט אלץ וואס ער קען. זיך צו היטען פון מאכלות אסורות היט מען איהם פון הימעל, אז ווען עס קימט דער יו"ט פסח ער זאל נישט האבען קיין נגיעה מיט דעם חמץ דעם יצה"ר. און די טעג וואס איז דער אנהויב וואס אידען זענען ארויס פון שערי טומאה פון יצה"ר צו שטייגען צו גייסטיגע דערהעכערונג, אט אין די טעג יעדער יאהר ווערט נתעורר אט דער ענין, דעריבער האט די תורה אין די טעג פון פסח געהייסען זיך אפשיידען פון דעם וויכטיגסטען עסען דאס איז חמץ און זיך שפייזען מיט דעם תורה'דיגען לחם עוני פאר זיבען טעג וואס דאס איז די מאקסימום צייט וואס א דורכשניטליכער מענטש קען אויסהאלטען אן עסען ווי די גמ' זאגט ווען איינער זאגט שבועה שלא אוכל ז' ימים מלקין אותו משום שבועת שוא.

און דורכדעם וואס דער מענטש האט אויף געהאלטען א טייל פון זיין לעבען מיט דעם ברויט וואס חז"ל רופען דאס אין זוה"ק פ' תצווה "מיכלא דאסוותא" דאס רפואה'דיגען ברויט וואס איז איין רפואה פאר דעם נפש און מאכט אוועק יאגען די סט"א (יעו' זוה"ק פ' פנחס) איז גופא בתר רישא גריר, ווערט דאס גאנצע יאהר שוין נאכגעצויגען נאך דעם אנהויב. און מען וועט שוין א גאנץ יאהר געשפייזט פון רוחנית'דיגען עסען, און ממילא אויסגעהיטען פון יצה"ר, אבער צו דעם פאדערט זיך גרויס "סיעתא דשמי' " און דעד, בעל דבר טוט פעולות

מכשיל זיין ווי עס שטייט ביי דעם נחש הקדמוני וואס דאס איז דעם ס"ם כידוע "הוא ישופך ראש" ביים ערשטען יו"ט פון אידישען פאלק, און לויט דעם ווי מען היט זיך אין פארלויף פון יאהר פון מאכלות אסורות אז עס קימט פסח היט מען איהם מן השמים פון משהו חמץ, דאס זאגט דער פסוק "זכור את היום הזה וכו' ולא יאכל חמץ" ווייל זכרון יציאת מצרים וועט העלפען אז ולא יאכל חמץ אז עס זאל קיין חמץ נישט געגעסען ווערען ע"כ.

איז דעריבער אין די הייליגע טעג פון פסח דער זמן כצו זיך מתבונן צו זיין ווי עס האלט ביי אונדז מיט כשרות א גאנץ יאהר. וואס ליידער לויט די ערפארונג פון דעם וועד הכשרות איז דער כשרות ענין אין אמעריקא זייער פארלאזט, און אויף געוויסע געביטען הערשט א טאטאלע הפקרות, און כדי דער עולם זאל פארשטיין פון וואס עס האנדעלט זיך, וועלען מיר ערקלערען ווי פאלגט: אין מדריך נומבר 12 איז איבערגעדרוקט געווארען פון א"י צייטונגען אן ארטיקעל וואס רעדט זיך פון כשרות, דער ארטיקעל איז איבער געגעבען געווארען צו די פרעסע, פון איין ניי געגרינדעטען "וועד הכשרות" אין א"י, וועלכע האבען געפארשט דעם מצב הכשרות אין א"י, און האבען אנטדעקט גרויסע סקאנדאלען און הפקרות'ן אין כשרות, אין בוטשער סטארס, ביי שחיטה'ס, און טשיקען מארקעטס, און האטעלען, רעסטאראנטס, בעקעריס, פיצא שאפ'ס, אד"ג, דער סקאנדאל איז געווען אזוי שרייענד אז עס איז דעבאטירט געווארען אין כנסת, (עס איז טאקע וויכטיג צו וויסען פאר די וואס פארען קיין א"י זאלען וויסען ווי דער מצב הכשרות אין א"י זעהט אויס, בפרט אין האטעלען, און רעסטאראנטס, און זאלען גוט זיין געווארענט ווי זיי עסעסן [אויך דעם זומער איז געווען באריכטעט אין די פרעסע איבער א ענטדעקונג פון מאסען פלייש פון בהמות טמאות וואס איז פארקויפט געווארען פאר כשר עד שנזדעזעה א"י ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה] איז אויב דאס האט געקענט געשעהן אין א"י ווי די אלע געשעפטען שטייען אונטער השגחה, און די כשרות השגחה אין א"י איז איין גוט ארגאניזירטע ווי עס ווערט דארט געשילדערט, און די בעלי מכשירים ווערען נישט באצאלט פון די

בעלי בתים, און דער בעל מכשיר פראפיטירט נישט פון יעדען באזונדערען הכשר, דאך האט דער כח פון שווינדעל און אפנארערייי און אומוויסענד גובר געווען, היינט שטעלט אייך פאר ווי דער מצב איז דא אין אמעריקא, פאר אונדז ליגט איין צייטונג מיט דעם נאמען "דאס אידישע ליכט" וואס איז ארויס אין אמעריקא אין תרפ"ג רעדאגירט פון הרב ר' שרגא פייוועל מענדלאוויטש זצ"ל, (המיסד של מתיבתה תורה ודעת ובית מדרש עליון,) וועלכער שרייט געוואלט אויף דעם מצב הכשרות אין אמעריקא, און קימט ארויס מיט א געוואלדיגען קריטיק אויף רבנים מכשירים, און הגם צווישען זיי זענען גאר גרויסע ת"ח, דאך איז זייער הכשר אין צוייפעל, איז באמת זעענדיג אזוינע ווערטער געשריבען פון אזא פארלעסלעכע פערזאן ווי הרב מענדלאוויטש זצ"ל איז באמת שוידערליך און ווילט זיך נישט גלויבען און מיר פרעגען זיך ווי קען דאס זיין אז הכשרים פון פראמינענטע רבנים זאלען זיין צווייפעלהאפט!

נאר פון דעם קען מען פארשטיין די שווערע נסיונות פון די רבנים מכשירים ביים געבען הכשרים אין אמעריקא, נישט ווי אין די אלטע היים וואס דער רב הקהלה איז געווען דער מפקח איבער דעם כשרות פון שטאט אלס טייל פון זיין רבנישע פונקציע אן שום פערזענליכען אינטערעס, אנדערש איז אבער אין אמעריקא וואס איין אורגאניזירטע כשרות סיסטעם האבען מיר נישט ביזען הייינטיגען טאג נור דער כשרות איז געשטעלט אויף דעם וואס דער בעל הבית פון שלאכט הויז, אדער "דיסטריביוטאר" דינגט זיך איין רב און צאלט איהם א געהאלט ער זאל איהם געבען א הכשר, אט ביי דעם סיסטעם איז דער רב אינגאנצען אנגעוויזען אויף דעם חסד פון בעל הבית וועלכע קען איהם אנטזאגען צו יעדער צייט, און באקומען איין אנדערען רב. און ווי באוווסט איז דער מצב הרבנים דא בשפל המצב און קענען נישט אויסקומען פון געהאלט פון די קהלה, און איז אנגעוויזען אויף די פאר דאללאר פון הכשר איז דאס אלס איז איין גורם צו פארזעהן דיווירקליכקייט, צו דעם רעדט נאך דער בעל דבר איין, אז איך וועל נישט געבען דעם הכשר וועט ער נעמען איין אנדערען וועט נאך ערגער זיין, און איך וועל שאדען האבען מיין

געלד, וכדומה איינרעדענישען, אט דאס זענען טייל פון די נסיונות צו וואס דער אמעריקאנער בעל מכשיר האט פאר זיך, (הגם דאס איז קיין תירוץ און מיר זענען נישט אויסען צו פארטיידיגען די רבנים ווארען וועגען פרנסה איז קיין היתר מאכיל טריפות צו זיין און מיר זאגען אין ק"ש ואהבת את ה' וכו' ובכל מאדיך און מען איז מחויב אוועקצוגעבען דאס גאנצע פארמעגען נישט עובר צו זיין אויף קיין ל"ת (עי' שו"ע או"ח סי' תרנו) איז אבער דער נסיון זייער גרויס און ווייניג קענען עומד בנסיון זיין, ווידער קומט צו די מאַס פראדוקציע דער "הארי אפ" די איילעניש ביים פראדוצירען די שפייז, הן ביי שחיטה, הן און אנדערע געביטען פון דער שפייז אינדוסטרי, צו דעם קומט צו די קאמפליצירונג ביים צוזאמענשטעל פון די אלע מינים פראדוקטען, ווי דער דעברעצינער רב שליט"א האט דערמאנט אז איז פארהאַנען א פראקוקט וואס איז צוזאמען געשטעלט פון עטלעכע דרייסיג מינים, אט די אלע זאכען מאכען שווער צו קאנטקראלירען דאס כשרות אין אמעריקא ווען פון צייט צו צייט הערט זיך שטימען וועגען אומארדינונגען אין דעם כשרות פעלד, אדער וועגען די קאמפעטענץ פון דעם אדער יענעם בעל מכשיר, איז מרגלא בפומי דאינשי צו זאגען, מיך גייט נישט אָן, איך עס, טאמער איז נישט אין ארדענונג וועט מען שמייסען דעם רב ע"כ וואלט זיך געוואלט פרעגען ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט צו בארגען געלד פאר יענעם וואס זיין ערענטליכקייט וואלט געווען אונטער איין פראגע צייכען, וואלט מען אויך געזאגט איך וועל איהם בארגען איי ער וועט אפשר נישט צוריק געבען וועט מען איהם שמייסען, דאס געוויס נישט אפאר דאללאר איינצושטעלען מאכט מען שבע חקירות אבער א אידישע נפש שטעלט מען איין אזוי לייכט, אדער ווען מען וואלט געהערט אויף א געוויס מאכל אז עס איז בחשש "פויזען" גיפט, וואלט מען אויך אזוי געזאגט איך וועל עס עסען איי אפשר איז מיט פויזען, וועט שוין די קאמפאני האבען איהר חלק, פארשטייט זיך אז נור א חסר דעה וועט דאס זאגען, רבותי מאכלות אסורות איז פויזען ממש פאר דעם נפש אט הערט די ווערטער פון הייליגען מסילת ישרים אין פי"א וז"ל דער איסור פון מאכלות אסורות סיי טריפות אליין סיי תערובות איסור פון איסור בשר

וחלב, חלב ודם און אנדערע אסורים, ביי די אלע זאכען דארף מען שטארק אכטונג געבען און מען דארף גרויס שטארקונג, ווייל עס איז דא דערביי דער תאוות הלב וואס גלוסט צו געשמאקע מאכלים, און דער וואס איז זיך מקיל דארט ווי מען דארף מחמיר זיין איז ער מיט דעם משחית, פאדארבט זיין נפש, דעריבער ווער עס האט א מוח אין זיין קאפף זאל ער באטראכטען איסור דיגע מאכלים אזוי ווי גיפטיגע מאכלים אדער אזוי ווי א מאכל וואס איז אריין געמישט פויזען איז אויב דאס וועט פאסירען וועט זיך א מענטש מיקיל זיין דערין דאס צו עסען אויב ער וועט האבען דעם מינדסטען צווייפעל אז אפשר איז דארט דא פויזען, געוויס נישט, און אויב ער וועט יא זיך מקיל זיין וועט ער באטראכט ווערען פאר א שוטה גמור, אויך מאכלות אסורות האבען מיר שוין מבאר זענען אז זיי זענען גיפט פויזען ממש פאר דעם הארץ און נפש, איז דעריבער ווער קען זיך מקיל זיין עכ"ל איז וויקען מען זיין אזוי גלייכגילטיג צו כשרות וואס דערין איז תלוי דער עקזיסטענץ פון אונדז און אונדזערע קינדער, ווי אויך דער גייסטיגער און פיזישער קיום פון כלל ישראל. דער היילגער ד"ח און א תשובה (יור"ד סי' ז) זאגט אז גאנצע קהלות זענען ארויס פון דת ישרא' און געווארען כמעט ווי גוים, ווייל מען האט זיך אנגעגעסען מיט טריפות האט זיך געשטארקט דער רוח הטומאה און זיי, מפתה צו זיין צו עבירות חמורות, ביז זיי האבען זיך אסימילירט און פארלוירען געגאנגען פון כלל ישראל עכד"ק.

עס איז כדאי צו דערציילען בנוגע לשוחטים (מובא בס' זוהר דעת בשם הה"צ ר' עקיבא יוסף שלעזינגער ז"ל) וואס הה"צ ר' עקיבא יוסף שלעזינגער דער איידעם פון הגה"צ ר' הלל קאָלאָמייער זצ"ל דערציילט אין זיין ספר ש"מ, פון איין ווידערליכען מאַן פון די עשרת השבטים וואָס איז געקומען צו הרה"צ ר' הלל ל"ש און איז געוועז ביי איהם אויף פסח שנת כתר. ער האָט געברענגט מיט זיך אַ ספר מיט דעם נאָמען ס' האביב (ר"ת אחינו בנ"י בגולה) וואו עס איז געווען געשריבען פאַרשידענע ענינים. איך האָב מעתיק געווען אַביסעל וואָס איז נוגע צו וויסען בדורינו: ער שרייבט.

ר' נתן אדלער האָט געוואָלט פסל'ען די שוחטים פון פראַנקפורט, און מכניע זיין דעם חותם הס"א וואָס איז שורה אויף שוחטים פסולים בסוד פון על חרבך תחי' וגו'. אויב ער וואָלט דאָס דעדגרייכט וואָלט משיח געקומען.

נאָר, דער ס״מ האָט אויפגעשטעלט אויף איהם קצבים וואָס האָבען אים געי
רודפ׳ט און ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון פד״מ ע״כ...

עס עס כדי מתבונן צו זיין אין די מעשה ווייל כמה נביאים מתנבאים בסגנון אחד. דעריבער וועלען מיר ברענגען נאָך אַ מעשה וואָס איך האָב געהערט בשם מרן האדמו״ר מבלזא זצ״ל. זייענדיג אין געטאָ איז צו איהם געקומען אַ איד און געשריגען: רבי, איר זעהט וואָס טוט זיך, אידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. פאַר וואָס טוט איהר גאָר נישט? פאַר וואָס זענט איהר נישט מתפלל? האָט דער רבי געענטפערט: וואָס הייסט איך טו נישט.

האָט ער געענטפערט: עס שטייט ביי די מלחמת עמלק „והי׳ כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידיו וגבר עמלק״ (שמות, פ׳ בשלח), ווען משה האָט געהאַלטען די הענד פאַרשפּרייט אין די הויך האָבען זיך אידען געשטאַרקט. שטייט דאָרט „וידי משה כבדים וכו׳ ואהרן וחור תמכו בידיו וגו׳״. משה׳ס הענד זענען געוואָרען שווער פון די שווערע מלחמה און אָנגעהויבען אַראָפּפאַלען. נאָר אהרן און חור האָבען זיי אונטערגעהאַלטן. האָט דער רבי געזאָגט: עס איז היינט נישט דאָ קיין תומכים ע״כ.

ווען מיר ציען אַ פּאַראַלעל פון די ווערטער פון הייליגען דברי חיים וואָס זאָגט אַז וועגען שוחטים פסולים זענען כמה קהילות אַרויס פון דת איז די כוונה זיכער געווען אויף אַזעלכע קהילות ווי פראַנקפורט און אַנדערע קהילות פון דייטשלאַנד וואָס אין צייט פון ר׳ נתן אדלר איז פראַנקפורט געווען אַ עיר ואם בישראל וואָס איז אַרויס פון דאָרט ר׳ נתן אדלר, דער חתם סופר, הגאון ר׳ זלמן עמדין.

60־70 יאָר שפּעטער, בסוף ימיו פון ד״ח ווען ר׳ שמשון רפאל הירש האָט געוואָלט אויפשטעלען אַ קהלה אין פראַנקפורט, האָט ער שווער געקענט טרעפן אַ מנין שומרי שבת. און דער ד״ח זאָגט אַז דאָס איז געקומען וועגען שוחטים פסולים!

דער ספר האביב פון די בעלי רוח הקודש פון די עשרת השבטים זאָגען בפ׳ אַז אין פראַנקפורט איז געווען שוחטים פסולים, וואָס דער חותם הס״א איז געווען אויף זיי בסוד ועל חרבך תחי׳, און רנ״א האָט זיי געוואָלט פסלן מכניע צו זיין די ס״א נאָר די קצבים האָבען אים פאַר יאָגט, זענען געבליבען די שוחטים פסולים און געגעבען חיות די שווערד פון די ס״א וואָס דאָרך דעם איז דער עולם נתפטם געוואָרען מיט נבילות וטריפות און נטמטם געוואָרען. דאָרך דעם האָט דער בעל דבר זיך געקענט גובר זיין און מסית זיין צו די ערגסטע עבירות ביז גאַנצע קהילות זענען אַרויס פון דת ר״ל.

וואָס רבותי איז געקומען לאחר זה? שלמה הע״ה זאָגט אין קוהלת מקום המשפט שמה הרשע (קהלת ג׳ ט׳) דאָרט ווי דער משפט איז געווען ווי די גזירה איז געווען דאָרט איז געווען דאָס רשעות. יעצט רבותי, לאָמיר זיך מתבונן זיין, די ביטערע גזירה פון די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען

פון דייטשלאַנד און דאָרט איז געווען דאָס רשעות, פון דאָרט איז געקומען די השכלה הארורה וואָס האָט אָפּגעשמד׳ט מיליונען אידען ר״ל. ווי איז געקומען אַז די רייד פון אַזעלכע אויסוואָרפען זאָלן האָבען אַזאַ השפעה? דורך דעם וואָס פריער האָט דער בעל דבר ערלעדיגט די שוחטים און דער עולם איז נתפטם געוואָרען מיט נבילות וטריפות. דאַן, איז שוין לייכט אָנגעקומען אַלעס, און דאַן דער חלף וואָס איז נישט געשאַרפט געוואָרען ווי געהעריג ביי די בהמות האָט געשאַרפט די שווערד פון בעל דבר וואָס איז דער שר פון עמלק און דורך דעם האָט דער דייטשער רשע וואָס איז געווען עמלק געקענט אויסקוילען מיליונען אידען ר״ל ע״כ *. ווי עס האָט געזאָגט דער בעל רוח הקודש דער בעלזער רבי ז״ל.

און דאָס איז באמת אַ גמרא מפורשת אין קדושין (פ״ב ע״א) כשר שבטבחים שותפו של עמלק, דער בעסטער פון די קצבים איז דער שותף פון עמלק. רש״י איז מפרש דעם טעם, ווייל – ספיקי טריפות באות לידו וחס על ממונו ומאכילן – עס קומט צו איהם טריפות און עס איז איהם אַ שאָד אויף זיין געלט און גיט זיי צו עסען פאַר אידען, און דעריבער רופען איהם חז״ל שותפו של עמלק וואָס דער ציל פון עמלק איז צו ברענגען אַ כליון ח״ו ווי המן הרשע און דער דייטשער רשע ימ״ש. און די שוחטים פסולים זיינען זיינע שותפים אין דעם.

זעהען מיר אַז אין כשרות איז אָפּהענגיק דער גייסטיגער און פיזישער קיום פון כלל ישראל. אַזוי איז אויך מבואר אין רש״י סוף פ׳ קדושים ווי עס שטייט איהר זאָלט אייך נישט פאַרמיסען אין בהמות און עופות טמאים „והייתם קדושים וכ׳ ואבדיל אתכם מן העמים לי״ – איהר זאָלט זיין הייליג פאַר מיר און איך האָב אייך אָפּגעזונדערט פון די פעלקער צו זיין פאַר מיר. זאָגט רש״י (פון תורת כהנים) אויב איהר וועט זיין אָפּגעזונדערט פון די גוים זענט איהר מיין און ווען נישט זענט איהר פאַר נבוכדנעצר און זיינע חברים ע״כ. דאָס הייסט אויב מען וועט נישט נזהר זיין, זיך מבדיל צו זיין געהעריג פון כשר און טריפה איז מען אויסגעשטעלט צו געפאַר פון די גוים וואָס באַדראָען אידען ח״ו, ווי נבוכדנצר און זיינע חבריה

**דעריבער זעענדיג דעם מצב אין אמעריקא אויף דעם געביט פון כשרות וואס איז בשפל המצב, און הגם לעצטענס איז געמאכט געווארען באדייטענדע פארבאסערונגען, דאך דער סיסטעם איז דער זעלבער ווי אמאל אז כשרות איז אין די הענד פון די בעלי בתים קצבים וועלכע דינגען די רבנים און שוחטים, און ביי דעם מצב איז אוממעגליך אז כשרות זאל פונקציאנירען געהעריג, היינטיגע בעלי בתים זענען נישט בעסער ווי און צייט פון רנ״א זצ״ל, אבער נאך ערגער, איז דער מצב דארט ווי עס איז איבערהויפט קיין השגחה נישט דא, און דאס זענען**

מערסטע בוטשער סטארס, ווי השגחה איז נויטיג, אין דער אלטער היים זענען דאך די בוטשער סטאר׳ס געווען אונטער שטרענגע אויפזיכט, קודם צו וויסען וואס פאר פלייש עס קומט אריין, צו זיכערען אז דער מנקר איז בקי בהלכות ניקור און אז ער איז מנקר כדין, אויך דאס זעלבע מיט כשר מאכען, ווער זארגט פאר דעם אלעם איז אין אמעריקא אכשור דרי? עס איז ידוע וואס דער סאטמארער רבי שליט״א האט געזאגט באסיפת התאחדות הרבנים ווען איך וואלט געווען א מאנופעקטשער וואלט איך נישט געווען באגלייבט נאר מיט א שטרענגען משגיח און א גיטען רב עכ״ל (עדות ר״י שורץ מדריך נומבר 5) איז אויף וואס איז מען זיך סומך? אויך הערשט א כאָאָס אין ״קעטערינגס״. וואס נאך א ביסעל אריינקוקען איז נתברר געווארען אז אפי׳ ווען די בעלי בתים זענען ערליכע אידען און האבען די בעסטע כוונות דאך איז וועגען מאנגעל אין וויסען איבער דעם ציזאמענשטעל פון די ענינים גיבען זיי פאר דעם עולם מאכלים בחשש איסור, שוין אפגערעדט ווען דעם בעל הבית כוונה איז נישט אינגאנצען ריין. דאס זעלבע בנוגע ״רעסטאראנטס״, פיצא סטארס, פיש סטארס, וואס מאנכע פיש סטארס קויפען פון דרויסען ״פילע״ אָן הכשר, אדער מיט א צווייפעלדיגען הכשר, אויך בעקערי סטארס איז דער חשש גרויס איבער די פארשידענע מינים פלעווארס און פראדוקטען אויף וועלכע עס זענען דא גרויסע חששים און די בעלים בתים פאלען אדורך וועגען חסרון ידיעה, אט איז אנטדעקט געווארען און א גאר היימישע בעקערי נבלה אייער, דאס אלס וועגען מאנגעל אין השגחה, אט אין די קהלה פון אנטווערפן איז איינגעשטעלט פון די קהלה און די בעקעריס אַ משגיח תמידי ווי אויך אין די בוטשער סטאר׳ס איז פאר וואס און אמעריקא אזא הפקרות?

אויך ווילען מיר מעורר זיין וועגען כשרות אין ישיבות, וואס איז דא פול מתקן צו זיין ליידער, די ערשטע זאך איז די קעכער און קעכערינס, אז זיי זענען נישט קיין בעלי סמכא מוזען זיי האבען א משגיח, אז נישט איז ניעס איז לא ימלט אז זיי זאלען נישט מאכיל זיין א דבר איסור, פיל מאל מאכט זיך שאלות ווי ביי טשוקען, טריפות און ״צומת הגידין״ ווי אויך תערובות שאלות בפרט נאך דברים הצריכים בדיקה מחשש תולעים

וכיוצא. איז אויב זיי זענען נישט קיין שומרי תורה ווי קען מען זיך אויף זיי סומך זיין.

נאר אפי׳ ווען זיי זענען מדקדקים במצוות איז נוטיג איין השגחה אויף די פארשידענע פראדוקטען וואס קומען אריין אין ישיבה צו וויסען צי זיי זענען פון א מקור טהור וואס איז נוטיג לעמוד על המשמר, בפרט ביי די פארשידענע מיני גאווערמענט פראדוקטען, עובדא ידענא עס האט זיך צו מיר געווענדעט א ראש ישיבה פון א גאר חשובע ישיבה, הלמאי דער וועד הכשרות קוקט זיך נישט איהם אויף דעם מצב הכשרות אין ישיבות און דערציילט מיר ווי פארנאכלעסיגט דער ענין איז, אז עס האט געטראפען אז מען האט סערווירט א געוויסען צו שפייז צום פלייש, האט מען באמערקט אויף די ״אונגרידיענטס״ אז עס איז מילכיג, דאס צייגט ווי ווייט דאס כשרות איז פארנאכלעסיגט, אז מען נעמט זיך אפי׳ נישט די מי אובערצולייענען ״אונגרידיענטס״ הגם דאס איז ווייט נישט גענוג עס איז שוין וועגען דעם פיל מאל געשריבען געווארען אין מדריך (זעק מדריך 6 עמוד קצח) אבער אפי׳ דאס טוט מען נישט נור מען ברענגט אריין מן הבא בידו אבי עס איז ביליג, ווער שמועסט נאך אז עס קימט אָן געלד פון ״גאווערמענט״ איז דאך געוויס מותר. שומו שמים אוי לנו שכך עלתה בימינו אז די ישיבה דאס הייליגסטע וואס מיר פארמאגען אין וועמעס הענד מיר פארטרויען אונזערע צאן קדשים אויף וועמען דער רבש״ע זאגט ״ואתם צאני״ איהר זענט מיינע שאף אבער נאר בתנאי אז איהר וועט זיין ״צאן מרעיתי״ (יחזק׳ לד:לא) אז איהר וועט זיין שאף וואס וועט געשפייזט ווערען פון מיין פאשע, מיט מאכלים כשרים, ווערען זיי געשטאפט מיט מאכלים וואס זענען מטמטמים, איז א וואונדער אז עס קימט אָן אזוי שווער דאס אריין ברענגען אביסעל תורה און יראת שמים, און וואס איז שוין צו ערווארטען פון קינדער וואס קוקען צו ווי דער מנהל הישיבה צו אפשר דער ראש ישיבה לאזט אריין אין ישיבה כל ערליי מפוקפוקדיגע מאכלים צי שפארען געלד, נו ווען ער וועט אויפשטעלען אַ הויז וועט ער זיך אויך אזוי פירען, און אויב פאר געלד איז מותר אלעס פאר וואס נישט אונטערגנבענען אביסעל אדער אפנארען יענעם משיג גבול צייך יענעם צי בכלל זיין א יורד לחיו און

באגראבען יענעם פאר אייגענעם אינטערעס ווי עס איז שכיח בעווה"ר, ווי אנדערש איז צו ערוווארטען פון אזא חינוך? דעריבער דופען מיר טאקע די ראשי ישיבה זאלען זיך אומקוקען גיט אויף די מנהלים אין קיטשען מענעדזשערס און קעכערס צו פאר זיכערען אז אלס זאל זיין בתכלית הכשרות, און אפי' ווען זיי דארפען צומאכען די גמ' אויף א ווייל איז עת לעשות לה' וגו', ווי אויך רופען מיר די בחורים אליין און בני ישיבות די בני הכולל וואס איז היינט דא ב"ה אין יעדער ישיבה שטייט אויף דער וואך קיקט זיך ארום וואס עס טוט זיך ביי אייך און ישיבה, אויף אייך איז אויך א חיוב צו שטיין אויף דער וואך "במקום שיש חלול ה' אין חולקין כבוד לרב" (עירובין ס"ג ע"א) דארף מען נישט ווארטען ביז דער אדער יענער וועט קוקען נאר עס איז א חיוב אויף יעדען.

אויך רופען מיר צו די עלטערען פון קינדער זיך גיט ארום קוקען צו כשרות איז און ארדענונג בעפאר מען גיט איבער דאס קינד צו די מנהיגי הישיבה. און עס איז כדאי צו ברענגען א ווארט פון הגאון ר"ש ענגעל ראדימישלער רב ז"ל וואס ער איז מבאר דעם מדרש אויף דעם פסוק "ומשה הי' רועה את צאן יתרו" וגו' (שמות ד' א) זאגט דער מדרש אז דער רבש"ע האט געזאגט צו דוד דו ביזט געווען א געטרייער פאסטוך ביי די שאף וועסט דו זיין דער רועה און אזוי אויך משה: איז געווען א פאסטוך און דורך דעם זוכה געווען צו זיין א רועה ישרא', ע"כ דארף מען דאך פארשטיין אז וועגען דעם ווייל זיי זענען געווען גוטע פאסטיכער קענען זיי זיין מנהיגי ישראל? צו זיין א מנהיג ישראל דארף מען דאך זיין א גרויסער ת"ח, א גרויסער צדיק אבער וואס איז די ראי' פון דעם וואס ער איז געווען א גוטער פאסטוך? זאגט ר"ש ענגעל אזוי, עס איז דאך ידוע אז די עלי' פון בעל חי איז דארך דעם וואס דער אדם המדבר עסט איהם און מיט דעם כח דינט ער דעם אויבערשטען, און ממילא מרע"ה האט זיך מוסר נפש געווען און געגאנגען מיט די שאף ווייט אין מדבר צו זיכערען אז די שאף וועלען נישט עסען פון פרעמדע פעלדער פון גזל, ווייל אויב מענשען וועלען נהנה זיין פון די שאף וואס איז נתפטם געווארען מיט גזל וועט דאס שאטען די עסערס און עס וועט מטמטם זיין זייער הארץ און וועלען אוועק פון דרך התורה און ממילא

ווערט עס פאר די שאף זיין א ירידה און משה רבינו זייענדיג א פאסטוך האט געזארגט אז די שאף זאלן האבען א עלי׳. און האט זיך מוסר נפש געווען אויף דעם איז אין דעם האט אין איהם דער רבש״ע געזען אז ער וועט זען אז אידען זאלען נתעלה ווערען דורך דעם וואס ער וועט פארזיכערען זיי זאלען האבען כשר׳ס צו עסען, ודפח״ח.

ראשי ישיבה ומנהיגי ישראל׳ זענען צו וואס קענען איבערגעבען פאר קינדער די אמת׳דיגע מסורה פון תורת משה, אט די זענען דאס וואס זענען זיך מוסר נפש כדי די קינדער זאלען נתעלה ווערען, און די ערשטע זאך אז זיי זארגען און קוקען זיך איהם וואס עס גייט אריין און מויל פון די קינדער ע״כ. און עס וואלט זיך געפאסט אז עטלעכע ישיבות זאלען זיך צוזאמען נעמען און האבען פאר זיך א אייגענע שחיטה בהשגחה מדויקת ומקופדת אד״ג, ביי דעם מצב וועלען קינדער נתחנך ווערען צו היטען וואס קומט אריין אין זייערע מיילער.

אויך ווילען מיר ווארענען גראסערי לייט וועלכע נעמען אריין אלערליי פראדוקטען און פיל מאל טריפ׳ענע ממש, אדער מיט א מפוקפוקדיגען הכשר, קודם כל דער עצם האנדלען מיט דברים האסורים איז א איסור ווי עס איז מבואר און יור״ד סי׳ קיז סעי״א, און דאס אפי׳ עס ווערט פארקויפט פאר גוים. אז עס ווערט פארקויפט פאר אידען און דער קונה קויפט דאס בחזקת כשר ווארום ער קויפט ביי א היימשען איד, א שומר תו״מ וועט ער דאך איהם נישט געבען קיין דבר איסור, אויף אזא אופן איז מבואר דינו ביור״ד סי׳ קי״ט סט״ו אין מחבר וז״ל המוכר דבדים האסורים מעבירים אותו ומשמתים אותו, אז איינער פאקויפט דברים האסורים איז מען איהם מעביר און מען לייגט איהם און חרם ע״ש ובש״ך סק״ל אז אפי׳ איין מאל איז מען איהם מעביר ע״ש.

איז אזוי ווי ליידער אז פיל זענען נישט מקפיד דארף יעדער קויפער גוט אכטונג געבען וואס ער קויפט, און וויסען אז דער פאר קויפער מיינט נאר ביזנעס צו פארקויפען וואס מער ע״כ דארף מען שטארק נזהר זיין, אויך איז דא פיל מאל וואס ליגען ביי די גראסערס א לאנגע צייט פראדוקטען וואס פון ליגען ווערען זיי מולביג און מען דארף דאס כסדר איבער טוישען ווי צב״ש סיריאלס, מעהל לאקשען, פערפעל אד״ג.

צוזעענדיג אט דאס שרעקליכע הפקרות אויף דעם כשרות געביט זענען נתעורר געווארען א גרופע יונגעלייט, און האבען אויפגעהויבען איין וויי געשריי, און געלאפען צו דעם און צו יענעם רב צו די און יענע ארגאניזאצי׳ אבער ליידער איז זייער רוף געווען א קול קורא במדבר אזוי ווי דאס געשריי פון הרב מענדלאוויטש ז״ל פון שנת תרפ״ג, אבער אזוי ווי לעצטענס איז אין דעם מעכטיגען מדבר אמעריקא אויפגעקומען אפאר ישובים פון מענשטען, פון ישיבה לייט און בני הכולל לומדי תורה דארט איז דער וויי געשריי געהערט געווארען און די רעטונגס ארבייט האט זיך אנגעהויבען מיט צו גרינדונג פון וועד הכשרות, וועמעס ציל איז געווען די ערשטע זאך צוווארענען און אלארמירען די עפענטליכקייט אויף דעם גרויסען געפאר וואס עס דראעט אונדז און אונדזערע קינדער, דארך דער פארנאכלעסיגייט פון כשרות, דעריבער ביי די געלעגענהייט ווארענען מיר אז ווער עס וויל היטען זיין נפש און נפש פון זיינע קינדער זאל ער זעהן ווי ווייט מעגליך זיך מונע זיין פון עסען אין דער פרעמד, נאר ווי ווייט מעגליך מאכען אלעס אין שטוב, אויך רופען מיר אלע קהלות זיך אנשליסען אין אונדזער ארבייט, זאלען זיך צו נויפנעמען עטליכע קהלות צוזאמען צו טוען פאר כשרות, אנהויבענדיג פון פלייש אבסערווירען די שחיטה, דעם בוטשער איינשטעלען געהעריגע ארדענונג וואס איז נוגע זיך אליין, און זיך אָנשליסען אין אונדזער ארבייט צו האלטען א וואכזאם אויג אויף דעם כשרות פעלד בכלל, און צו יעדען איד רופען מיר, ווער עס קען ארויס העלפען אין אונדזער ארבייט דורך אנשליסען זיך אין אונדזער וואלונטיר גרופען, אדער ארויס העלפען פינאנציעל ווארום עס איז נוטיג געלט מיטלען צו דעקען הוצאות פאר שפעזען, און בכלל. יעדער ריר קאסט געלט דאס אויפהאלטען איין אפפיס, טעלעפאנען, דרוק מאטעריאלען וועלכע איז שטארק געשטיגען אין די לעצטע צייט, און אונדזערע אלע מיטארבייטער וועלכע זענען אלע ארימעלייט האט שוין יעדען געקאסט שווער געלד, און מיר קענען מער נישט נושא בעול זיין, דעריבער מוז באלד געגעבען ווערען געהעריגע פינאנציעלע הילף כדי אנגיין און פארזעצען און פארשטארקערען און פארברייטערען די ארבייט, און דארך די

קארפערירונג פון די עפענטליקייט קען געזיכערט ווערען אז כשרות זאל פונקציאנירען ווי געהעריג.

עס איז דא א מאמר חז"ל אין ספרי "אדם שלמד ושנה ולימד לאחרים וקיים את התורה ויש בידו להחזיק ידי העוסק בתודה ובמצוות ולא החזיק הרי הוא בכלל ארור אשר לא יקים, (עי', שערי תשובה לדיה"ג) איינער וואס האט אליין געלערענט תורה און מיט אנדערע געלערענט און מקיים געוועזן די גאנצע תורה און האט געקענט מחזק די וואס זענען עוסק בתודה ובמצוות און האט דאס נישט געטאן, איז ער בכלל ארור אשר לא יקום, פאשאלטען זאל זיין דער וואס האלט נישט אויף די תורה ע"ש דעריבער דארף יעדער זעהן העלפען ווי ווייט מעגליך הן בגופו און ווער עס קען נישט בגופו איז בממונו העלפען פינאנציעל ווי ווייט מעגליך, מחזק זיין דעם ענין נשגב, און נישט זיך איינשל'סען מיט די אלע בעלי לשון וואס מאכען שוואך די אלע עוסקים במצוות, שלמה הע"ה זאגט אין משלי "גם מתרפק במלאכתו אח הוא לבעל משחית" אויך איינער וואס איז נאך געלאזט און זיין ארבייט איז ער א ברודער צו דעם בעל משחית,

עס איז דא א מאמר חז"ל אין ספרי "אדם שלמד ושנה ולימד לאחרים וקיים את התורה ויש בידו להחזיק ידי העוסק בתודה ובמצוות ולא החזיק הרי הוא בכלל ארור אשר לא יקים, (עי', שערי תשובה לדיה"ג) איינער וואס האט אליין געלערענט תורה און מיט אנדערע געלערענט און מקיים געוועזן די גאנצע תורה און האט געקענט מחזק די וואס זענען עוסק בתורה ובמצוות און האט דאס נישט געטאן, איז ער בכלל ארור אשר לא יקום, פאשאלטען זאל זיין דער וואס האלט נישט אויף די תורה ע"ש דעריבער דארף יעדער זעהן העלפען ווי ווייט מעגליך הן בגופו און ווער עס קען נישט בגופו איז בממונו העלפען פינאנציעל ווי ווייט מעגליך, מחזק זיין דעם ענין נשגב, און נישט זיך אנשליסען מיט די אלע בעלי לשון וואס מאכען שוואך די אלע עוסקים במצוות, שלמה הע"ה זאגט אין משלי "גם מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית" אויך איינער וואס איז נאך געלאזט און זיין ארבייט איז ער א ברודער צו דעם בעל משחית, נישט נאר ווען ער שטערט נאר ווען ער קען העלפען

און העלפט נישט. דעריבער זאל יעדער זעהן צו זיין א ברידער און שותף אין אונדזער ארבייט און העלפען מיט וואס מען קען אז כשרות זאל פארשטארקט ווערען. און מיר וועלען מסיים זיין מיט א מעשה פון חפץ חיים. דער חפץ חיים האט אמאל געהערט אז אין א שטעלטעל נישט ווייט פון ראדין איז פסול געווארען די מקווה און עס קומערט קיינעם נישט צו פאררעכטען, איז דער חפץ חיים אריבער געפארען אין יענער שטאט, און קומענדיג אהין האט ער געשיקט צונויפרופען די גאנצע שטאט אויסרופענדיג אז דער חפץ חיים איז דא, און ער גייט זאגען א דרשה אין שוהל, הערענדיג דאס האט יעדער געשלאסען די געשעפטען און געקומען הערען דעם חפץ חיים, האט דער חפץ חיים געזאגט, "רבותי ווען איך וועל קומען אויף דעם עולם העליון וועט מען מיר פרעגען וואס איז דיין נאמען, וועל איך ענטפערען ישראל מאיר, וועט מען מיר פרעגען, "האסט געוואוסט אז דא און שטעטעל איז די מקווה פסול"? וועל איך זאגען, "יע", וועט מען פרעגען "און וואס האסט די געטאן צו דעם?" וועל איך ענטפערען," איך בין געפארען צו זיי און זיי געזאגט און זיי האבען מיר ניט געוואלט פאלגען", גיט מיר בכתב אז איך האב אייך געווארענט.

רבותי מיר א פעלירען צו אייך אין נאמען פון גאנצען וועד מחזק צו זיין און צו העלפען דעם ענין נשגב פון כשרות וואס איז ליידער אזוי פארלאזט, וועט איהר נישט ענטפערען אונדזער אפפיעל איז אנחנו את נפשינו הצלנו ווייל מיר האבען אייך געווארענט און איהר האט נישט געפאלגט, וועט איהר הערען און העלפען וועט איהר געבענטשט ווערען מיט די ברכה פון ברוך אשר יקום את דברי התורה הזאת.

אגב לא אמנע מלהעיר כי נמצא תח"י קונטרס נפלא ושמו „זכרון דברים". (תוכנו בענין הצלת האדמו"ר מסאטמאר שליט"א מידי הנאצים ימ"ש), נערך ע"י הרה"ג סופר מהיר מחבר ספרים נפלאים מוהר"ר מנחם שלעזינגער זצ"ל מח"ס תורה לשמה, ותורת הגאולה.

והיות שמצאתי שם שאלה מהגאון הנ"ל להגאון הצדיק ראש גלות אריאל מוהר"ר יונתן שטייף זצ"ל, והתשובה שהשיב לו, ודבריו חוצבים להבות אש לאור באור החשכות והצרות שעברו על ראשי בני ישראל בימי הנאצים ימ"ש, בנתיבות טעם מתוך אור צח ומצוחצח מה עלינו לעשות שלא

יכפול עוד ח"ו כאסון הנורא ההוא של השש מיליאָן קדושים לא מיני ולא מקצתיה ח"ו ח"ו, וכידוע שהגה"צ הנ"ל הי' פוסק הדור אחר החורבן כפי שהעידו עליו הגאונים הצדיקים אשר ע"כ החוב מוטל על כל אחד אשר בשם ישראל יכונה שימסור כל נימי לבבו ונפשו להוציא מכחו אל הפועל התיקון הגדול הנצרך לעשות כדי להציל עצמו ושאר ישראל אחיו עמו מצרות ופגעי הזמן האפשריים לבוא ח"ו. בעוונותינו הרבים, וכל המרבה לתקן תיקונים הנאמרים שם הצלת כלל ישראל הכה הגרול של הצלת ישראל תלוים בו ושכרו עומדת לעד ולעולמי עולמים לו ולזרעו ולזרע זרעו עד סוף כל הדורות.

בעה"ש, ה' תשרי תש"ו, ציריך.

לכבוד הרב הגאון וכו' וכו' כקש"ת ר' **יהונתן שטייף** שליט"א.

**שאלת בדבר בטחון הקהילות בארץ ובגאולה.**

מאז חרב בית מקדשנו וגלינו מארצנו התאמצנו להקים מחדש קהילות וישיבות קדושות בגולה, ואמנם עלה בידינו לבנות קהילות לזמן מוגבל בבבל, בספרד, בצפון ובתימן ובעוד ארצות רבות. אבל לאחר זמן מסוים התחוללו גזירות והשמדות חדשות, אמנם לא בכל ולא על עם ישראל כולו, אלא פעם כאן ופעם שם, פעם במזרח, פעם במערב, פעם בצפון ופעם בדרום. אם נחרבו הקהילות במזרח נבנתה שארית הפליטה במערב, וכשנחרבו במערב, נבנתה שארית הפליטה בצפון או בדרום. אבל לאחר כמה דורות גם קהילות חדשות אלה נחרבו ללא רחם ושארית הפליטה ניסתה להבנות במקומות אחרים. כך הי' הדבר חוזר חלילה פעם בפעם, וניתן לומר שכל הקהילות הישנות נחרבו. ולא רק בגולה אלא גם אלה שנבנו בארץ ישראל אף הן נחרבו. הנה על פי ההגיון והיושר מחובת הרבנים ופרנסי הקהילות הי' ללמוד לקח מן העבר המר, ומכיוון שראו כמה פעמים שהקהילות הישנות נחרבו באופן אכזרי, מן הצורך הי' להתבונן ברבר תיכף כשהתחילו להקים קהילות מחרש ולחשוב מחשבות שלא יחרבו. אבל אבותינו הזניחו לעשות את הדבר החיוני הזה. הנה עתה בדורנו אנו עבר עלינו חורבן חדש, שואה איומה ונוראה מאין כמותה. בדור זה נחרבו אלפי קהילות וישיבות קדושות. נשארו רק שרידים מעטים ושארית הפליטה עומדת להקים מחדש קהילות חדשות במקום אחר. אין ספק בדבר שכבר הגיעה העת שנלמד מנסיון העבר, שהרי אין טעם לבנות קהילות וישיבות קדושות ששוב יחרבו ח"ו. כבהדר"ג יורע, שקבלתי עלי לברר את הדבר הזה בתור נדר, בעת שכב' ובני משפחתו היו בצרה גדולה ועתה שאלתי היא להורות מה לעשות כדי שקהילות אלה שנבנה עתה בע"ה, יהיו דבר המתקיים עד ביאת גואל צדק בב"א.

בכבוד רב

**מנחם שלעזינגר**

**והנה התשובה:**

י"א תשרי תש"ו יעאטענבערג יע"א.

שוכט"ס לכ' ידי"ן המוכתר בנימוסין ונודע לשם ולתפארת ביראתו ובמעלותיו התרומיות ז"ר יפ"ת כש"ת מו' **מנחם שלעזינגער** נ"י בציריך יע"א.

אחדשה"ט אגרתו מעולפת ספירים קבלתי ע"נ בשעה קדושה ודבריו עשו רושם גדול בלבי ואכפיל מה שאמרתי לכב' הדרתו פה אל פה שאין כוחינו אלא **לעורר בדברי מוסר בפה ממש בכל מקום האפשרי ולעורר הרבנים וליושבי על מדין כל רב במקומו ילמד דברי תורה לפני הציבור מספרים הקדושים כמו מספר מסילת ישרים מנורת המאור חוה"ל פלא יועץ וכיו"ב וכן ידרוש כפעם בפעם דברי א' חיים דברים היוצאים מהלב ושיכנסו אל הלב ומי שאפשר לו ינהוג כשמואל הרמתי שנסע מעיר לעיר וילמד לישראל הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון** הכל עפ"י הדרך המורשה לנו מרבותינו בעלי תלמוד תלמידי משה רבינו, **וגם בכתב להוציא חבורים שתוכן יהי' כלימור מוסר דעת תורה ויראה** ולתקן חדרים שילמדו עם תשב"ר תורה עפ"י המורשה וכן תלמוד תורה וישיבות להרביץ תורה ויראה טהורה עפ"י שיטת המורשה לנו ודברי חכמים **בנחת** נשמעים וכן מצאנו בש"ס, שרק לפרקים מיוחדים דברו **קשות**, ובעלמא צריכין לומר דברים נעימים המושכים הלב כמו אותם הספרים שהזכרתי ולפעמים גם בספר קו הישר המפחיד הקוראים וגם בספר שבט מוסר, הגה"צ הלל ל"ש אמר, „שספר זה עשה אותו לירא שמים". ויש לעורר גם הרבנים הנאורים בדברי שכל שייסדו מקוואות בקהילתם **וירחקו ממאכלות אסורות שהגה"צ בעל נטע שורק ז"ל אמר התחלת התיקון היא בהמאכלות שלא לטמטם ח"ו הלב** ויתנהגו בקדושה ובטהרה ואז יקיים ה' „וזרקתי עליהם מים טהורים וטהרתם ועשיתי את אשר בחוקותי תלכו" ויקיים, „ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" אמן.

והנני ביקרת הכבוד ובאה"ר ידידו.

**יונתן שטייף**